# צום שטומען אַלף
# אין 21סטן יאָרהונדערט!

• פֿון הירש־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)

באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע: לויטן מחברס בקשה ווערט דער איצטיקער אַרטיקל געדרוקט מיטן שטומען אַלף, און אָן דעם ו און דעם י.

די געשריבענע יידישע שפּראַך — דאָ גייט די רייד וועגן דער סיסטעם שרײַבן, ד"ה וועגן דעם אויסלייג — איז איינע פֿון די סאַמע גראַנדיעזע אויפֿטוען אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשלעכער קולטור שבכתב.[1] ווי באַקאַנט איז עס אַ פֿאָנעטישע סיסטעם, מ'רעדט אַזוי ווי מ'שרײַבט, ס'איז דאָ אַ פּינקטלעכע מיטשטימונג מיטן סטאַנדאַרדן „ליטעראַרישן" אַרויסרייד און אַ דירעקטע קאָרעלאַציע מיט אונדזערע דיאַלעקטן.[2] דאָס איז אָבער דאָ בײַ אַ ריי אַנדערע שפּראַכן אויך. דער קונץ באַשטייט אין דעם וואָס דאָס איז אויפֿגעטאָן געוואָרן מיט אַ סעמיטישן אַלף־בית, ניט אָנקומענדיק צו פּינטלעך (נקודות). דער סעמיטישער אַלף־בית, וועמענס צוויי און צוואַנציק גרונט־אותיות ס'האָבן שוין געדינט אַ שפּאָר ביסל שפּראַכן, סעמיטישע און ניט־סעמיטישע, באַשטייט היסטאָריש גערעדט נאָר און בלויז

1) דער איצטיקער אַרטיקל וואַקסט פֿון דער פֿאָרשונג צו מײַנעם אַ בוך וואָס דאַרף אַרויס אין 1992 — *תּקני תּקנות: פֿראַגן פֿון יידישער סטיליסטיק*, האַרוואַרד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג: קור.

2) זע אוריאל ווײַנרײַך, „צו דער פֿראַגע וועגן אַ נאָרמירטער אויסשפּראַך" אין *יידישע שפּראַך* 11 (1951): 26-29.

פֿון קאָנסאָנאַנטן. ניטאָ קיין וואָקאַלן. די וואָקאַלן דאַרף מען זיך „אָנשטויסן". האָט מען פֿאַר אַ גאַנצער ריי סעמיטישע שפּראַכן צוגעקלערט סימנימלעך וואָס מ'גיט צו איבער די אותיות, אונטער די אותיות אָדער אינמיטן די אותיות. בדרך כּלל האָט מען אַזוינס צוגעקלערט דעמאָלט ווען אויף אַ שפּראַך האָט מען שוין מער ניט גערעדט, אַז מ'האָט זי גענוצט בײַם לערנען הייליקע טעקסטן, בײַם תּפֿילה טאָן. אין מערבֿ סיריאַקיש האָט מען אַשטייגער גענומען גריכישע וואָקאַל־צייכנס און זיי צוגעגעבן, פֿאַרקלענערטערהייט, צו טעקסטן וואָס זײַנען באַשטאַנען פֿון די לויטערע סעמיטישע קאָנסאָנאַנטן. בײַ אונדז יידן זײַנען פֿאַר לשון קודש און אַראַמיש געווען פֿאַרשידענע סיסטעמען פּינטעלעך און פּאַסיקלעך — דער ניקוד — וואָס איינע פֿון זיי, די סיסטעם פֿון דער משפּחה בן־אשר אין דער ארץ־ישׂראלדיקער שטאָט טבֿריא, איז שוין באַלד טויזנט יאָר די סטאַנדאַרדע, די אוניווערסאַלע.

בעת פּינטעלעך און פּאַסיקלעך זײַנען שיין און וואויל פֿאַר קליינע קינדערלעך וואָס לערנען זיך שרײַבן, און פֿאַרן גאַנצן ציבור בײַם לערנען די קלאַסישע טעקסטן פֿון אַ ציוויליזאַציע — בײַ אונדז וועט דאָס הייסן דער תּנ"ך מיטן סידור — זײַנען זיי אַ רעכטע אָנשיקעניש אינעם טאָגטעגלעכן לעבן בײַ דערוואַקסענע. ווער וויל דאָס פּטרן צײַט און כּוחות, כּסדר צוריקגיין און שטעלן פּינטעלעך איטלעך מאָל וואָס מ'נעמט אַ פֿעדער אין האַנט אַרײַן? און ווער וויל דאָס שטענדיק אָנקוקן אומנייטיקע פּינטעלעך וואָס שווינדלען פֿאַר די אויגן ווען נאָר מ'נעמט עפּעס לייענען?

* * *

אין משך פֿון טויזנט יאָר האָט די געשריבענע יידישע שפּראַך מיט אַן אייגענער דינאַמיק, ס'איז ניט געווען דער אויפֿטו פֿון וועלכן ניט איז יחיד, צוביסלעך געוואָרן אַ פֿאָנעטישע שריפֿט ניט אָנקומענדיק צו קיין פּינטעלעך. מ'האָט גענומען אָנווענדן אַלס וואָקאַלן אַלף, וואָוו, יוד און עין, פֿאַר זיך און אין פֿאַרשידענע קאָמבינאַציעס, ביז די קאָמבינאַציעס האָבן געקלעקט אויף איבערגעבן אַלע וואָקאַלן אין דער שפּראַך. געווען פֿאַרשטייט זיך זיגזאַגן אין דער אַנטוויקלונג, למשל בײַ יחידים וואָס האָבן גענוצט ניקוד צוליב פֿאַרשידענע סיבות,[3] און בײַם טראַדיציאָנעל־געשטימטן מזרח־אייראָפּעאישן כּלל אין נײַנצנטן יאָרהונדערט — בײַם אַריבערגיין פֿון די אַמאָליקע משקיט („עבֿרי טײַטש") אותיות אויף מרובע האָט מען גענומען שרײַבן יידיש מיט אַלע לשון־קודשדיקע נקודות. די גלײַכע טויזנט־יאָריקע ליניע איז אָבער ווידער אויפֿגעשטעלט געוואָרן.

כּדי דורכצופֿירן די זאַך איז די געשריבענע יידישע שפּראַך שוין מיט טויזנט יאָר צוריק געפֿאַלן אויף אַ גאונותדיקער המצאה אויף אויסצומײַדן נקודות. אַ שטומער אַלף איז במילא געווען (אַשטייגער אין די ווערטער „און", „אין", „איין"),

3) למשל: נתן־נטע האַנאָווער אין זײַן *ספר שפה ברורה*, פּראָג 1660; אהרן בן שמואל אין זײַן *ליבליכה תּפילה*, הערגעסהויזן 1709.

האָט מען אים פֿון סאַמע בראשית פֿון דער יידישער שפּראַך אים גענומען אָנווענדן אַלס צווישנשייד, אַלס זע־מחיצה, צווישן צוויי וואָוון וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם קאָנסאָנאַנט v, און איין וואָוו וואָס איז אַ וואָקאַל. אָט דער אַלף איז אַזוי אַלט ווי די יידישע שפּראַך און טרעפֿט זיך שוין אין די סאַמע עלטסטע מאַנוסקריפּטן. דער פּרינציפּ פֿון דעם אַלף איז איינער פֿון די סאַמע אויסגעהאַלטענע סימני מהות פֿון יידיש שבֿכתב אין גאַנג פֿון די דורות. אָט ווי ר' חיים בר' מנחם מאנש, אַ מחבר פֿון אַ מלמדיש ביכל אויף צו לערנען יידיש האָט עס פֿאָרמולירט מיט קאַרגע דרײַ הונדערט יאָר צוריק: „איין חולם אדר מלואפם צו דער ו דהיינו וואו אדר וואול דא שרייבט מן איין א דער צווישין. [...] אונ' דריי ווו שיקן זיך ניט נאך אננדר. דרום שרייבט מן איין א דער צווישן”.[4]

אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, מיטן אויפֿקום פֿון מאָדערנע שפּראַך־אינסטיטוציעס (אַ מאָדערנע ליטעראַטור און פּרעסע, פּאָליטישע באַוועגונגען, קולטור־אינסטיטוציעס) איז אויפֿגעקומען די דײַטשמערישע אָרטאָגראַפֿיע וואו מ'האָט גענומען שטומע עינס און שטומע האען דאָרטן וואו אויף דײַטש זײַנען פֿאַראַן e און h. פֿון „טראָגן” איז געוואָרן „טראָגען” און פֿון „יאָר” איז געוואָרן „יאָהר”.

אין אונדזער יאָרהונדערט איז אויפֿגעקומען דער לעצטער און שענסטער שטאַפּל פֿון דער יידישער אָרטאָגראַפֿיע: די *נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע*, וואָס ס'האָט געשאַפֿן (מער ווי וועלכער ניט איז אַנדער יחיד) דער גאון פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע בער באָראָכאָוו. אין 1913.[5] באָראָכאָוו האָט אַרויסגעוואָרפֿן דעם „שטומען עין” פֿאַר נון און למד (דעריבער: „זאָגן”, ניט „זאָגען”; „קעפּל”, ניט „קעפּעל”), איבערלאָזנדיק אַן עין פֿאַר נון — נאָך מם, נון, נג, נק, און קאָנסאָנאַנט +למד („קומען”, „וויינען”, „געגאַנגען”, „טאַנקען”, „שטאַפּלען”, ניט — „קומן”, „וויינן”, „געגאַנגן”, „טאַנקן”, „שטאַפּלן”), כאָטש אין טייל יידישע דיאַלעקטן פֿונקציאָנירט דער נון ווי אַ קאָנסאָנאַנט אין טייל פֿון די אָנגעגעבענע פֿאַלן — מ'קען בײַ אַ סך יידן הערן „געגאַנגן”, נאָר פֿאַרפֿאַלן — הלכה כבאָראָכאָוו. ער האָט פֿאַרביטן די שרײַבונג פֿון סופֿיקס „־יג” אויף „־יק” („וויכטיק”, ניט „וויכטיג”); אַרויסגעוואָרפֿן די דײַטשמערישע פּרעפֿיקס־שרײַבונגען מיט עין און פֿאַרביטן זיי מיט אַלף („אַנט־”, ניט „ענט־”; „באַ־”, ניט „בע־”; „פֿאַר־”, ניט „פֿער”); רעפֿרעזענטירט בכתבֿ די אַפֿריקאַטן („האַלדז”, ניט „האַלז”; „פֿענצטער”, ניט „פֿענסטער”; „מענטש”, ניט „מענש”); רעפּרעזענטירט דעם „סוואַראַבהאַקטי”

4) חיים בהאלוף הר"ר מנחם מאנש מגלוגא, *מראה הכתב בל"א וראשי תיבות* [± 1717], דאָרטן ז' [3]. דאָס בוך איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון עבר בן פּתחיא, דאָרטן ז' [2]; וועגן דעם בוך זע אין *אָקספֿאָרדער יידיש* 1: זז' 194-195.

5) בער באָראָכאָוו, „די אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע” אין ש. ניגער (רעד'), *דער פּנקס. יאָהרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע*, ב. א. קלעצקין: ווילנע 1913, זז' 1-22; דאָרטן זז' 18-22.

װאָקאַל („אָרעם"; ניט „אָרם"; „װאָרעם", ניט „װאַרם"); געשריבן צװײ יודן, ניט אַלף יוד, דאָרטן װוּ אין ניט־ליטװישן ייִדיש הערט זיך ji („ייִד", ניט „איד"; „ייִנגל", ניט „אינגל").

אַזױ אַרום האָט בער באָראָכאָװ רעפֿאָרמירט דעם ייִדישן אױסלײג, אײַנגעפֿירט די *נײַע אָרטאָגראַפֿיע* אין לעבן, ניט אין טעאָריע. ניט אין אײן טאָג און ניט אין אײן יאָר. באַלד נאָכדעם װי ס'איז אין װילנע אַרױס ש. ניגערס *פּנקס*, װוּ עס איז דערשינען באָראָכאָװס „אױפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע", איז אױסגעבראָכן די ערשטע װעלט מלחמה. קײן װײַטערדיקע בענד זײַנען ניט אַרױס. נאָר אַפֿילו בעת דער מלחמה זײַנען די רעפֿאָרמען טײלװײַז דורכגעפֿירט געװאָרן אין װילנער *לעצטע נײַעס* און אין קיִעװער *די נײַע צײַט*.

באַלד נאָכן סוף פֿון דער ערשטער װעלט מלחמה איז אַרױס אַ װערק פֿון נאָך אַ גרױסן ייִדישן פֿילאָלאָג. רײדן רעדט זיך װעגן זלמן רײזענס *ייִדישע גראַמאַטיק*, װאָס איז דערשינען אין 1920.[6] נאָך זײַן היסטאָרישן סך־הכּל האָט רײזען דערלאַנגט דעם עולם אַ רײ אױסבעסערונגען און מאָדיפֿיצירונגען צו באָראָכאָװס כּללים. קוקנדיק אױף צוריק, איז צום באַװוּנדערן װי אַזױ אינספּירירט ס'איז און װיפֿל קלוגשאַפֿט ס'איז פֿאַראַן, אין זלמן רײזענס אָרטאָגראַפֿיע. די שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט נאָר רעפֿאָרם נאָר אױך געמאָסטנקײט, ניט נאָר באַנײַאונג נאָר אױך המשך, און ברימזא אַ חוש פֿאַר דעם װאָס קען זיך אָננעמען, װאָס װעט זיך אָננעמען, בײַ אַלע שיכטן פֿון אַזאַ פֿאַרשידנאַרטיקן עולם װי עס איז דער ייִדישער. בער באָראָכאָװס רעפֿאָרם, אױסגעאַרבעט און אױסגעבעסערט פֿון זלמן רײזען, זײַנען עס: די נײַע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע. צו װעמענס קרעדיט דאַרף מען עס צושרײַבן װאָס מ'האָט די נײַע אָרטאָגראַפֿיע פֿאַקטיש אָנגענומען אױפֿן שול־צוזאַמענפֿאָר אין פּױלן אין 1920 האָט מאַקס װײַנרײַך שױן אָנגעװיזן: „לאָמיך דאָ אױסזאָגן דעם סוד, אַז זלמן רײזען איז דער פֿאַקטישער באַשעפֿער פֿון דער אָרטאָגראַפֿישער רעפֿאָרם װאָס איז פּראָקלאַמירט געװאָרן אױפֿן צװײטן שול־צוזאַמענפֿאָר אין פּױלן".[7]

* * *

אױך אין אונדזער יאָרהונדערט האָט זיך אָבער פֿאַרלאָפֿן אַ רעגרעסיע כּלפּי דעם טװיזנטיאָריקן פּראָצעס פֿון אַ פֿאָנעטישער אומבאַפֿינטלטער אָרטאָגראַפֿיע, דהײַנו: דער סאָװעטישער גאַנג, פֿון אָנהײב צװאַנציקער יאָרן און װײַטער.

---

6) זלמן רײזען, *גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ערשטער טײל*, ש. שרעבערק: װילנע 1920; זע זז' 102-162.

7) מאַקס װײַנרײַך, „פּראָיעקט פֿון אַן אײנהײטלעכן ייִדישן אױסלײג" אין דער *אײנהײטלעכער ייִדישער אױסלײג. מאַטעריאַלן און פּראָיעקטן צו דער אָרטאָגראַפֿישער קאָנפֿערענץ פֿון ייִװאָ. ערשטע זאַמלונג*, ייִװאָ: װילנע 1930, זז' 20-65; ז' 35.

אַרויסצואוואַרפֿן דעם שטומען אַלף און אַרײַנפֿירן העברעאישע נקודות אויף צו פֿאַרריכטן דעם רעזולטירנדיקן כאַאָס, אַ גאַנג וואָס דער ייִוואָ האָט איבערגענומען אינעם קאָמפּראָמיד־אויסלייג וואָס ס׳שטעלן מיט זיך פֿאָר די „ייִוואָ תקנות" אין דער פּוילישער רעפּובליק אין די דרײַסיקער יאָרן.

די פּאָליטיק פֿון שפּראַכן עקזיסטירט ניט אין קיין חלל אין די עולמות עליונים; זי איז אַ טייל פֿונעם איצט־און־דאָ פֿון דער געזעלשאַפֿט דאָ אויף דער וועלט.[8] גראַדע איצט, ווען מיר האָבן ערשט געזען מיט אונדזערע אויגן דעם סוף פֿון סאָוועטישן „עקספּערימענט", איז אינטעלעקטועל גערעדט אַ שעת־הכּושר אַ קוק צו טאָן מיט פֿרישע אויגן אויפֿן ייִדיש־סאָוועטישן אָרטאָגראַפֿישן עקספּערימענט, לפּחות יענע אַספּעקטן דערפֿון וואָס זײַנען געבליבן אַקטועל. אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן אויסלייג האָט די סאָוועטיש־ייִדישע בלי־תּקופֿה אין די צוואַנציקער יאָרן אַרײַנגעפֿירט דרײַ יסודותדיקע איבערקערענישן, ואלו הן:

(א) דאָס שרײַבן ייִדישע ווערטער פֿון סעמיטישן אָפּשטאַם לויט דער אַלגעמיינער פֿאָנעטישער סיסטעם (דערפֿאַר: „שאַבעס", „אַוואַדע", וכדומה), אַ גאַנג וואָס איז צײַטנווײַז געווען אויך פּאָפּולער בײַ די ניו־יאָרקער ייִדישע פּאָעטן, אויך אַנדערשוואו. הײַנט איז דאָס ניט קיין ענין אויסער די גרענעצן פֿון געוועזענעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מ׳שרײַבט די סעמיטיזמען לויטן היסטאָרישן אויסלייג זייערן. אוריאל ווײַנרײַך האָט געהאַלטן אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט, ווען אַזאַ רעפֿאָרם וועט מען שוין ניט פֿאַרבינדן מיטן קאָמוניזם און מ׳עט אפֿשר נעמען טראַכטן דערוועגן אויפֿסניי.[9] ניט דאָס זײַנען מיר איצט אויסן.

(ב) די באַזײַטיקונג פֿון די סוף־אותיות („זאָגנ", „קלאָצ").

(ג) די דריטע סאָוועטישע רעפֿאָרם איז באַשטאַנען פֿון אַרויסוואַרפֿן דעם שטומען אַלף און פֿאַרריכטן די אַלע צרות וואָס דאָס ברענגט דורכן אַרײַנפֿירן פֿון (נסים ונפֿלאות!) — *לשון קודש*: נקודות (דעם ו מיטן י).

וואָס שייך די סעמיטיזמען איז דאָך געווען אַן אידעאָלאָגישער מאָטיוו (מיט פּראַקטישע און אַסטעטישע בײַ־אַרגומענטן). וואָס שייך די סוף־אותיות איז געווען אַן אײַנגערעדטער פּראַקטישער מאָטיוו (אויך אַן אַנטי־טראַדיציאָנעלע כּוונה). וואָס האָט אָבער געשטערט דער שטומער אַלף וואָס שוין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן האָט מען אים גענומען רודף, אויף אַזוי ווײַט אַז מ׳איז גרייט געווען אין די סאַמע ראַדיקאַלסטע קרײַזן — בײַ די ייִדישע קאָמוניסטן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — זיך ווענדן צו די טראַדיציאָנעלע שבטראַדיציאָנעלע *נקודות*? איין ענטפֿער

8) איינע פֿון די סאַמע פֿאַרטיפֿסטע ווערק איבער דער קולטורעלער געשיכטע פֿון דער שריפֿט האָט געשריבן אויף דײַטש דער גרויסער ייִדישער פֿילאָלאָג מתּתיהו מיזעס: Matthias Mieses, *Die Gesetze der Schriftgeschichte. Konfession und Schrift im Leben der Völker*, Wilhelm Braumüller: Wien & Leipzig 1919.

9) Uriel Weinreich, "On the Cultural History of Yiddish Rime", in J. L. Blau et al. eds., *Essays on Jewish Life and Thought presented in honor of Salo Wittmayer Baron*, Columbia University Press: New York 1959, pp. 423-442; p. 427.

דערויף האָט אָנהייב צוואַנציקער יאָרן געגעבן מ. שײַנגאָלד: דער שטומער אַלף „קאָסט אונדז צו טײַער. די ווערטער וואו ער קומט פֿאָר זײַנען די סאַמע פֿאַרשפּרייטסטע אין דער שפּראַך און דעריבער וואָלט געווען אַ גרויסע עקאָנאָמיע בײַם דרוקן, ווען מען זאָל דעם שטומען אַלף ניט געברויכן".[10] דאָס אַרויסוואַרפֿן דעם אַלף האָט די סאָוועטישע עקאָנאָמיע אָבער פֿאָרט ניט אָפּגעראַטעוועט. . .

די ריכטיקע סיבות מחמת וועלכע מ'האָט זיך גענומען צום אַלף דאַרף מען ערשט אויספֿאָרשן. אַזאַ פֿאָרשונג וועט מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ בײַטראָג ניט נאָר צו דער קולטור־היסטאָרישער געשיכטע פֿון יידיש נאָר אויך צו דער טעאָריע איבער אידעאָלאָגישע השפּעות איבער סיסטעמען שריפֿט בכלל. איין פּסיכאָלאָגישער און סאָציאָלינגוויסטישער מאָמענט וואַרפֿט זיך אין די אויגן: די נקודות, האָבן זיי געמיינט, זײַנען געגליכן צו די דיאַקריטישע צייכנס וואָס מ'טרעפֿט אין אַ ריי אייראָפּעאישע שפּראַכן, און בפֿרט פֿרײַנצייִדיש און פּויליש (é, è, ê; ą, ę, ó, ś, ć, ż). און אויף אַזאַ מין אופֿן וועט יידיש אויסזען „מער אייראָפּעאיש", „מער אינטערנאַציאָנאַל". צריך עיון.

* * *

אַ וואָרט וועגן טערמינאָלאָגיע. דער טערמין „שטומער אַלף" איז אַ העכסט אומפּרעציזער. ער נעמט אויך אַרײַן דעם אַמאָליקן אַלף סוף וואָרט („דוא", „וויא") און דעם אוניווערסאַל־באַנוצטן אַלף אָנהייב וואָרט („איך", „און"). דער אַלף וועגן וועלכן ס'גייט דאָ די רייד איז בעצם דער *מחיצה־אַלף*, דהײַנו דער אַלף וואָס קומט אַלס צווישנשווייד צווישן צוויי אותיות וואו אַ וואָרט וואָלט ניט קלאָר געווען ווען זיי וואָלטן געקומען אייגער נאָכן אַנדערן. אָט דאָס זײַנען עס די אַלפֿן אין „וואו" און אין „צוואוואוקס" וואָס מײַדן אויס דרײַ אָדער פֿיר נאָכאַנאַנדיע וואָוון, דער אַלף אין „פֿאַרטייאיש" וואָס מײַדט אויס דרײַ נאָכאַנאַנדיקע יודן. ס'איז אויך דער אַלף וואָס שיידט אונטער צווישן אַנדערע פּאָרלעך וואָקאַלן כדי עס זאָל קלאָר זײַן אַז דאָס זײַנען צוויי באַזונדערע וואָקאַלן, ניט קיין איינאיינציקער דיפֿטאָנג, למשל: העברעאיש (מ'זאָל ניט לייענען „העברייש"), פֿריאיק (מ'זאָל ניט לייענען „פֿרייק"), „דערציאונג" (מ'זאָל ניט לייענען „דערצ־יונג").

מיט אָט דער באַוואָרעניש וועלן מיר זיך האַלטן אין איצטיקן אַרטיקל בײַם פּאָפּולערן טערמין — „דער שטומער אַלף" — פּשוט דערפֿאַר ווײַל אַזוי ווערט ער אָנגערופֿן, סײַ בײַם עולם, סײַ בײַ יידישע שרײַבער.

* * *

---

10) מ. שײַנגאָלד, „שוין געקומען דער מאָמענט. צו דער רעפֿאָרמע פֿון דער יידישער אָרטאָגראַפֿיע" אין *יידיש. ערשטע זאַמלונג פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגישער קאָמיסיע בײַ דער צענטראַלער יידישער ביוראָ פֿון פֿאָלקאָמבילד, אוקראַאינישער הויפּט־קאָמיטעט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעל־מעכנישער און ספּעציעל־וויסנשאַפֿטלעכער בילדונג אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ בײַם פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג*: כאַרקאָוו, 45-46; דאָרטן ז' 46.

דער ייִוואָ אויסלייג דיקטירט פּידוע אַז מ'זאָל שרײַבן „ווו" אויף „וואו", „ווויל" אויף „וואויל", „צוווּקס" אויף „צוואוואוקס", „פּאַרטייִיש" אויף „פּאַרטייאיש", „העברעיִש" אויף „העברעאיש", „דערציִונג" אויף דערציאונג", אַזוי ווי דער סאָוועטישער מוסטער אויף וועלכן ער האָט זיך געבויט; דערצו אויך דיקטירט עס צוויי נאָכאַנדיקע חיריק־יודן כאָטש דער אויסזען איז והמראה מראה הצירה: „פֿרײַיִק" אויף „פֿריאיק", „גלײַיִק" אויף „גליאיק" וכדומה). צו דעם אַלעמען פּינטלט מען סתּם אין אַ גאַנצער רײַ אָפּטע ווערטער וואו די פּינטעלעך שפּילן קיין שום ראָלע ניט, למשל „יִדיש" אויף „יידיש", „פֿריִער" אויף „פֿרייער", וואו ס'איז אין דער בחינה פֿון „אָדער ס'העלפֿט ניט אָדער מ'דאַרף ניט". ווער עס קען ניט לייענען די ווערטער „יידיש" און „פֿריער" וועלן אים די פּינטעלעך שוין ניט העלפֿן, און דער וואָס קען זיי לייענען וועלן אים די פּינטעלעך טויגן אויף כּפּרות. בפֿרט אין פּובליקאַציעס וואָס זײַנען גראַדע ניט פֿאַר אָנהייבער פּאַסן זיי זיך אַרײַן ווי אַ שפּילכעלעך אין אַ ביבליאָטעק. איך וועל זיך דערלויבן ציטירן דעם טאַטנס אַן עסיי וועגן אָרטאָגראַפֿע, וואו מעינקע קאַץ, קוקנדיק פֿון עסטעטישן שטאַנדפּונקט פֿון אַ פּאָעט, האָט געשריבן אַז „די אויגן הייבן אָן פּינטלען פֿון אַזאַ פּינטל־פֿאַרפֿלייצונג [...] זאָלן זיך שפּילן, געזונטערהייט, מיט אַלע פּינטעלעך — קינדערלעך וועלכע הייבן אָן לערנען העברעאיש".[11]

פֿאַראַן גענוג אַנדערע פּראָבלעמען מיטן ייִוואָ אויסלייג, ווי אַשטייגער דאָס צעפּיצלען אַן איינאייניציק וואָרט אויף שטיקער („פֿאַר אַ יאָרן", „פֿון דעסט וועגן") און דאָס שרײַבן צוזאַמען, אַזוי ווי אויף דײַטש, באַזונדערע ווערטער („האַרצפּראָבלעם", „פֿאָרשפּראָיעקט", „רוצימער"). דאָס איז אָבער אַ טעמע אויף אַן אַנדערש מאָל.

* * *

אָפּטמאָל קומט אויס צו הערן אַז ניט געקוקט אויף זײַנע חסרונות דאַרף מען זיך האַלטן בײַם ייִוואָ אויסלייג פֿון אויסגעהאַלטנקייט וועגן, פֿון סטאַנדאַרדקײַט וועגן, ס'זאָל ניט ווערן קיין תּוהו ובוהו. אָט דער צוגאַנג וואַקסט פֿון פּרינציפּיעלע טעותן.

ערשטנס הערט מען פּראַלן אַז די ייִוואָ אָרטאָגראַפֿיע איז די „ריכטיקע", אַז די איז די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע, אַ לעגענדע וואָס ווערט אָפּט פּראָפּאַגירט מיטן אָרוועלישן טערמין „אייניהייטלעכער יידישער אויסלייג". מ'מישט צונויף דעם באַגריף „צוויי באַזונדערע סיסטעמען אויסלייג" מיטן באַגריף „צוויי וואַריאַנטן פֿון אַן איינאייניציקער סיסטעם". מיט אַנדערע ווערטער: דער חילוק פֿון נוסח ביז אונטערנוסח. דער ייִוואָ אויסלייג איז ניט און מער און ניט ווייניקער — איינע פֿון די אונטערסיסטעמען פֿון דער נײַער יידישער אָרטאָגראַפֿיע. די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע האָבן אויפֿגעשטעלט בער באָראָכאָוו אין 1913 און זלמן רייזען אין

11) מעינקע קאַץ, „אַ וואָרט וועגן אָרטאָגראַפֿיע" אין זײַן צפֿת, י. ל. פּרץ פֿאַרלאַג: תּל אָבֿיבֿ 1979, זז' 7-10; דאָרטן ז' 7-8.

1920, ניט די סאָוועטן אין די צוואַנציקער יאָרן, ניט דער ייוואָ אין די דרײַסיקער יאָרן.

והשנית איז דער ייוואָ אויסלייג בכלל ניט אוניווערסאַל. אַז מ׳האָט געפֿרעגט האָט מען „אַנטדעקט אַמעריקע״, אויסגעפֿונען אַז אַ גרויסע מערהייט יידישע שרײַבער און קולטור־טוער האַלטן זיך גראַדע בײַם אַלף.[12] די גאַנצע חסידישע וועלט, וואו יידיש לעבט מער און געזינטער ווי אומעטום, האַלט זיך בײַם אַלף אָן אויסנאַם. די פֿיר ביזאיצטיקע (און דערווײַלע די איינציקע) בענד פֿון *גרויסן ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך* האַלטן זיך בײַם אַלף.[13] יודל מאַרקס גראַמאַטיק, די איינציקע מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע גראַמאַטיק פֿון יידיש וואָס איז געשריבן טאַקע אויף יידיש פֿון זינט דער מלחמה, האַלט זיך בײַם אַלף.[14] דער יאָרבוך *אָקספֿאָרדער יידיש*, דער איינציקער יאָרבוך אין דער וועלט פֿאַר יידיש־פֿאָרשונג, האַלט זיך בײַם אַלף.[15] אויך די צוויי גרעסט׳ע אוניווערסיטעטישע יידיש־פּראָגראַמען וואָס פֿירן די אַרבעט טאַקע *אויף יידיש* — אָקספֿאָרד און בר־אילן — נוצן דעם אַלף.[16]

אַקעגן וואָס גייט דאָ די רייד? אַז ס׳האַנדלט זיך דאָ ניט אין „אויפֿלעבן״ דעם שטומען אַלף. ס׳האַנדלט זיך אין פֿאַרטיידיקן אַ טויזנטיאָריקע און אַ פּראַקטיש־געגרעדט נייטיקע טראַדיציע שבכּתב — און במילא די שרײַבער און פֿאָרשער וואָס האַלטן זיך בײַ אָטאָ דער טראַדיציע — פֿון די אַטאַקעס פֿון יענע וואָס ווילן מאַכן אַש און בלאָטע פֿון אַלצדינג וואָס ווערט ניט געשריבן לויט דעם „ייוואָ אויסלייג״.

---

12) יודל מאַרק, „רעזולטאַטן פֿון אַן אַנקעטע וועגן אויסלייג״ אין *יידישע שפּראַך* 19 (1959): זז׳ 73-83; דאָרטן ז׳ 75.

13) יודאַ אַ. יאָפֿע און יודל מאַרק, *גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך*. באַנד I: ניו־יאָרק 1961, באַנד II: ניו־יאָרק 1966; יודל מאַרק, *גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך*, באַנד III: ניו־יאָרק און ירושלים 1971, באַנד IV: ניו־יאָרק און ירושלים 1980.

14) יודל מאַרק, *גראַמאַטיק פֿון דער יידישער כּלל־שפּראַך*, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס: ניו־יאָרק 1978.

15) *אָקספֿאָרדער יידיש*, באַנד I: 1990; באַנד II: 1991; באַנד III: גרייט זיך צום דרוק; אַרויסגעבן פֿון פֿאַרלאַג האַרוואָוד בשותּפֿות מיטן אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס בײַם אָקספֿאָרד׳ער אוניווערסיטעט.

16) די אָפֿיציעלע אָקספֿאָרדער אָרטאָגראַפֿיע איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין 1978 און קאָדיפֿיצירט געוואָרן בײַם אוניווערסיטעטישן פֿאַקולטעט פֿון מאָדערנע שפּראַכן אין 1987. די אינפֿאָרמאַציע מכּח בר־אילן אוניווערסיטעט — לויט אַ סעריע פּערזענלעכע ידיעות פֿון פּראָפֿ׳ גרשון ווײַנער.

* * *

מיר טענהן חלילה ניט אַז מ'דאַרף זיך האַלטן בײַם שטומען אַלף גראַדע דערפֿאַר וואָס פּטור ווערן פֿון אים איז געווען אַ סאָוועטישע "מציאה. דאָס וואָלט געהייסן אַ ריכטיקע נקמה אין די וואַנצן. מיר טענהן אַז מ'דאַרף אים האָבן ווײַל מ'דאַרף אים האָבן, און ווײַל די נקודות וואָס קומען פֿאַרבײַטן אים טויגן ניט צו דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, בפֿרט פֿאַר דערוואַקסענע. דער סאָוועטישער אורשפּרונג פֿון דער פֿאַקטישער *באַזײַטיקונג* פֿונעם אַלף (*גערעדט* וועגן דעם האָט מען אויך פֿריער, אויך אַנדערשוואו) איז געקומען צו רייד ווײַל מ'דאַרף דאָך פֿאַרשטיין די געשיכטע פֿון אַ זאַך בכדי עס אָפּשוצאַצן מיט דער געהעריקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

טאָ ווי אַזוי איז אויפֿגעקומען אָט־אָ דער אונטערנוסח פֿון דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע וואָס רופֿט זיך „דער ייִוואָ אויסלייג"?

אין די מיטן דרײַסיקער יאָרן איז די סאָוועטישע השפּעה אויף טייל ייִדישיסטישע קרײַזן אין דער פּוילישער רעפּובליק געווען אַ שטאַרקע. די פֿאַרשידענע גלגולים פֿון די „ייִוואָ תּקנות", וואָס שיידן זיך אונטער איינער פֿונעם אַנדערן אין אַ גאַנצער ריי פֿראַגן, זײַנען אַלע אייניק ביסודו, מיט דעם וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ טשיקאַוון קאָמפּראָמיס: ראַדיקאַליזירונג פֿון דער פֿאָנעטישער סיסטעם בהסכם מיט מאָסקווע, כאַרקאָוו און מינסק און קאָנסערוואַטיוויזם (ווענדליק די באַגריפֿן פֿונעם אָרט און צײַט) אין שײַכות מיט די סעמיטיזמען גופֿא. די ראַדיקאַליזירונג פֿון די ניט־סעמיטישע עלעמענטן איז באַשטאַנען אין באַזײַטיקן דעם שטומען אַלף און אַרײַנפֿירן די פּינטעלעך.

אויף דער ייִוואָ קאָנפֿערענץ פֿון 1929 האָט מען אַנאָנסירט אַן אָרטאָגראַפֿישע קאָנפֿערענץ וואָס די „באַשלוסן אירע מוזן זײַן אָבליגאַטאָריש".[17] מאַי 1931 האָט מען אָט־אָ די ענטגילטיקע קאָנפֿערענץ צונויפֿגערופֿן אין ווילנע. וואָס האָט פּאַסירט? אַ *ריזיקע* מערהײַט האָט געשטימט פֿאַרן „נאַטוראַליזירן" די העברעאיזמען.[18] האָט דער ייִוואָ לאחר המעשה גענומען אָנרופֿן די רעזאָלוציעס „רעקאָמענדאַציעס".[19] דעמאָלט האָט די פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון דער ייִוואָ אַליין גענומען די זאַך אין די הענט אַרײַן און דער רעזולטאַט איז געווען די „אויסלייג תּקנות פֿון ייִדיש", וואָס

17) *באַריכט פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פֿון 24טן ביזן 27טן אָקטאָבער* **1929**, ייִוואָ: ווילנע 1930, ז' 55.

18) יודל מאַרק, „וואו האַלט מען מיטן אײנהייטלעכן אויסלייג?" אין *ייִדישע שפּראַך* 19 (1959): זז' 96-83; דאָרטן ז' 89.

19) דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. צום *10יאָריקן יובֿל פֿון ייִוואָ. אָפּגעהאַלטן אין ווילנע פֿון 14טן ביזן 19טן אויגוסט 1935*, ייִוואָ: ווילנע 1936; דאָרטן ז' 81.

זײַנען אַרויס אין 1935.[20] ס'איז ניט אַוועק קיין גאַנצע צוויי יאָר און דער ייוואָ איז אַרויס מיט *אַנדערע* תּקנות, די וואָס די הײַנטיקע חסידים פֿונעם ייוואָ אויסלייג האַלטן פֿאַר תּורה מסיני.[21] דאָרטן זײַנען אַגבֿ אַרויס אויף דער וועלט די יפֿהפֿיות „אַלע מאָל" „אַ מאָל" „אַ שטייגער", „פֿון דעסט וועגן", אויפֿן אָרט פֿון „אַלעמאָל", „אַמאָל", „אַשטייגער", „פֿונדעסטוועגן" וואָס אינעם נוסח פֿון 1935.

די גאַנצע פּראָצעדור איז לחלוטין ניט דורכגעפֿירט געוואָרן לויט דער לעגאַלער סטרוקטור פֿון דער ייוואָ. מ'האָט אַפֿילו ניט געפֿרעגט קיין עצה בײַ דער העלפֿט פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע — אלכּסנדר האַרקאַווי, י. אָ. יאָפֿע, י. ל. כּהן, ש. ניגער.[22] איז מיט וואָסערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט האָט מען די „ענדגילטיקע תּקנות" פּראָקלאַמירט? מ. טײַכמאַן, גראַדע אַן אָנהענגער פֿון די תּקנות, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין דער „באַראַטונג" פֿון 28סטן און 29סטן יוני 1936 — די „באַראַטונג" וואָס האָט געפֿירט צו די „תּקנות" — האָט איבערגעגעבן אין די וואַרשעווער *ליטעראַרישע בלעטער* אַז גאַנצע דרײַ פֿאַרשטייער פֿון דער ייוואָ, צוויי פֿון ציִשאָ און אַ פֿופֿצן לערער פֿון דער פּוילישער רעפּובליק, זײַנען עס געווען די „קאָנפֿערענץ".[23] אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ער אײַנגעזען אַז „אָרטאָגראַפֿיע איז נישט בלויז אַן ענין פֿאַר פֿילאָלאָגן — די צורה פֿון געשריבענעם וואָרט גייט אָן דעם גאַנצן כּלל" און האָט געגעבן אַן עצה אַז מ'דאַרף „גלײַך צונויפֿרופֿן אין *וואַרשע* אַ באַראַטונג מיט אַלע געזעלשאַפֿטן, וואָס שרײַבן יידיש [...] און דער גאַנצער פּרעסע [...] און דאָ מוז קומען דער באַשלוס".[24]

* * *

אַקעגן וואָס איז דאָ געגאַנגען די רייד? ניט חלילה צו קומען מיט אַ טענה קעגן דעם ווי אַזוי דער ייוואָ האָט באַהאַנדלט דעם גאַנצן ענין אין די דרײַסיקער

---

20) *אויסלייג תּקנות פֿון יידיש* [= *אָרגאַניזאַציע פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט*, 14], ייוואָ: ווילנע 1935.

21) *תּקנות פֿון יידישן אויסלייג* [= *אָרגאַניזאַציע פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט*, 16], ייוואָ: ווילנע 1937 [איבערגעדרוקט אין *ייוואָ בלעטער* 11: 97-128].

22) יודל מאַרק 1959 (זען הערה 18), ז' 90.

23) מ. טײַכמאַן, „אַ שטילע אָבער וויכטיקע קאָנפֿערענץ" אין *ליטעראַרישע בלעטער* 13.29 (17 יולי): ז' 462.

24) מ. טײַכמאַן, „וואָס פֿאָרט מיט אונדזער אָרטאָגראַפֿיע" אין *ליטעראַרישע בלעטער* 13.38 (18 סעפּט'): 604-605.

יאָרן, דאָס פֿאַלט אַרײַן אין דער בחינה פֿון „אַל תּדון את חבֿירך עד שתּגיע למקומו“.
דער ייִוואָ אין די דרײַסיקער יאָרן, מיט מאַקס װײַנרײַכן בראָש איז געװען אונטער אַ גאָר שטאַרקן דרוק מצד דער ייִדישיסטישער אינטעליגענץ אין דער פּױלישער רעפּובליק צו „נאַטוראַליזירן“ די סעמיטיזמען.

װײַנרײַך האָט גוט געװוּסט אַז דער ייִװאָ װאָלט באַלד אױף אַן אָרט פֿאַרלאָרן זײַן שװער־אױסגעקעמפֿטן אינטערנאַציאָנעלן, װיסנשאַפֿטלעכן און איבערפּאָליטישן מעמד דערמיט. מ׳האָט דאָס אױסגעמיטן מיט אַלע מיטלען װאָס זײַנען געװען צו דער האַנט. די ייִװאָ תּקנות זײַנען אַזױ אַרום געװען אַ װיכטיקער אױפֿטו אין די גרענעצן פֿון דער דעמאָלטיקער פּױלישער רעפּובליק. זײ האָבן אױך באַװיזן סטאַנדאַרדיזירן דעם אױסלײג אין די ציש״אָ שולן. אַדאַנק די ייִװאָ תּקנות זײַנען די ייִדישיסטישע קרײַזן אין פּױלן געװאָרן אַ מין „מיטלפּונקט“ צװישן „ראַדיקאַלן“ רוסלאַנד און דער „קאָנסערװאַטיװער“ אַמעריקע. װי מ׳זאָל ניט האַלטן װעגן ייִדישן אױסלײג הײַנט דאַרף מען די דרײַסיקער יאָרן באַטראַכטן אין היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון — די דרײַסיקער יאָרן.

נאָר װאָס יאָ, ס׳באַקומט זיך לעכערלעך װען מ׳לײענט בײַ די הײַנטיקע פּאַרטיזאַנער פֿונעם ייִװאָ אױסלײג אַז גראָד יענער אונטערנוסח פֿון דער נײַער אָרטאָגראַפֿיע איז דער גרעסטער אױפֿטו פֿון דער ייִװאָ אין די צװישן־מלחמהדיקע יאָרן! דאָס איז אַ באַלײדיקונג לגבי דער גרױסער צאָל רײדיקע װיסנשאַפֿטלעכע אױפֿטועןן פֿון דער װילנער ייִװאָ. ס׳בלײַבן אױך הײַנט גילטיק יודל מאַקס װערטער אַז „איצט [...] װיל מען אָט די המצאות אַרױסשטעלן װי די העכסטע דערגרײכונג פֿון חכמה און װיסנשאַט און מען װיל זײ נאָך באַצירן מיט אַ שײַן פֿון קדושה. עס איז אַן אומרעכט זיך צו שפּילן מיט די געפֿילן װאָס מיר אַלע האָבן צו דעם פֿאַרשניטענעם לעבן אין מזרח אײראָפּע און מיט זײ מטהר זײַן עפּעס װאָס איז אומגעראָטן אָדער איז אַ רעזולטאַט פֿון װײניק ישובֿ הדעת“.[25] דער צװײטער רעדאַקטאָר פֿון גרױסן װערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך, יודאַ יאָפֿע, האָט זיך װעגן דעם אַזױ אָ אױסגעדריקט: „די תּקנות פֿון 1937 — די גילטיקע — זײַנען דער דריטער געשטאַלט [...] און אַז מ׳שטודירט דורך אָט די דרײַ פֿאַרשײדענע געשטאַלטן קריגט מען אַ צעטומלעניש אין קאָפּ: װאָס אײן נוסח דערקלערט כּשר און ריכטיק, נעמט דער צװײטער און פּסלט װי פֿאַלש און טרײף, און דער דריטער קען װידער מאַכן אַ השיבֿנו נאַזאַד“.[26]

* * *

נאָך דער צװײטער װעלט מלחמה, איז מאַקס װײַנרײַך, שױן דעמאָלט דער

---

25) יודל מאַרק 1959 (זע הערה 18), זז׳ 90-91.

26) יודאַ אַ. יאָפֿע, „אַנאַליז פֿון עטלעכע אױסלײג תּקנות פֿון ייִװאָ“ אין *ייִדישע שפּראַך* 8: 33-61; דאָרטן ז׳ 33.

גײַסטיקער ראש המדברים פֿון דער ייִוואָ אין אַמעריקע, גענומען אָנווענדן זײַן גוואַלדיקן פּערזענלעכן פּרעסטיזש אין אַ קנאַישער מלחמה ניט לטובֿת דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, נאָר דווקא לטובֿת איר באַפֿינטלטן אונטערנוסח. אין אַמעריקע איז שוין לחלוטין ניט געווען קיין פֿראַגע פֿון אַ קאָמפּראָמיס מיט די וואָס ווילן נאָכטאָן דעם סאָוועטישן אויסלייג. טאָ פֿון וואַנעט האָט זיך גענומען ווײַנרײַכס נאָכמלחמהדיקע אײַנגעשפּאַרטקײַט בנוגע די דרײַ וואָוון?

ערשטנס, צוליב זײַן געטרײַשאַפֿט צו אַלצדינג וואָס האָט צו טאָן מיט דער פֿאַרמלחמהדיקער ווילנער ייִוואָ. דאָס איז אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך.

צווייטנס, צוליב זײַן צוגאַנג אַז ס'איז ניט געגוג דער ייִדישער אויסלייג זאָל זײַן אַזוי סטאַנדאַרדיזירט ווי, לאָמיר אָננעמען, ענגליש. בײַ מערסטיקע מלוכה־שפּראַכן זײַנען דאָך דאָ וואַריאַציעס (אַשטייגער די אונטערשיידן צווישן אַמעריקאַנער און ענגלענדער ענגליש; צווישן כתיב מלא און חסר, מיט נקודות צי אָן נקודות אין העברעאיש). פֿאַר ווײַנרײַך איז ניט געווען געגוג וואָס ס'איז דאָ אַ נײַע ייִדישע אָרטאָגראַפֿיע וואָס ווערט אָפּגעהיט אין אַלע ליטעראַרישע און ייִדישע קולטור־באַוואוסטזיניקע קרײַזן איבער דער גאָרער וועלט. אים איז ניט אײַנגעפֿאַלן פּועלן בײַ דער ניו־יאָרקער פּרעסע אָננעמען אַ נוסח פֿון דער מאָדערנער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, ס'האָט געמוזט זײַן — „דער ייִוואָ אויסלייג". דאָס האָט געשטאַמט פֿון דער דעמאָלטיקער פּראָבלעמאַטיק אין שײַכות מיטן פּרעסטיזש פֿון ייִדיש. אָט אַזוי אָ האָט ער זיך אויסגעדריקט:

„די שפּראַך האָט פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט גענומען קעמפֿן פֿאַר איר אָנערקענונג אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו מען האָט זי מבֿטל געווען און וואו די ניט־אייגהייטלעכע שרײַבונג איז געווען איינער פֿון די אַרגומענטן קעגן איר. כּל־זמן קיינער ווערט ניט און מעסט ניט מאַכט ניט אויס, וואָס איז דרײַ פֿאַרשיידענע ביכער, געדרוקטע אין איין יאָר, געפֿינט איר: textbook, text-book, text book. אין דעם מאָמענט ווען דער סאָציאַלער פּרעסטיזש פֿון אַ שפּראַך ווערט אַ פּראָבלעם, איז אַן אייגהייטלעכער אויסלייג אַ מוז".[27] אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן: פֿאַרן סאַמע פּרעסטיזש פֿון דער ייִדישער שפּראַך, טאָר ניט זײַן אין פֿאַרשידענע ייִדישע פּובליקאַציעס איבער דער גאָרער וועלט די קלענסטע שבקלענסטע וואַריאַציע. ווײַנרײַכס רייד, סוף פֿערציקער יאָרן, זײַנען לחלוטין פֿאַרשטענדלעך פֿאַר יענער עפּאָכע. הײַנט איז גאָר אַנדערע צײַטן. דער קריזיס פֿון ייִדיש איז הײַנט אַ קריזיס פֿון דעמאָגראַפֿיע, ניט פֿון פּרעסטיזש. נאָך אַ נאָבעל־פּרעמיע, נאָך דעם ווי ייִדיש איז אײַנגעפֿונדעוועט אין די סאַמע בעסטע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט, איז שוין ניטאָ מער קיין קריזיס פֿון פּרעסטיזש און ווײַנרײַכס פּחד איז הײַנט ניט שייך. איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן אַז אַזוי וואָלט געהאַלטן מאַקס ווײַנרײַך הײַנט, אין די נײַנציקער יאָרן. פֿאַרשטייט זיך אַז עס זײַנען בעוונותינו אויך איצטער פֿאַראַן ייִדן וואָס „האַלטן ניט פֿון ייִדיש". איז לאָמיר

27) מאַקס ווײַנרײַך, „וואָס איז דער מער מיטן ייִדישן אויסלייג" אין ייִדישע שפּראַך 9 (1949): 1-21; דאָרטן ז' 3.

אײן זאַך האַלטן פֿאַרן אויג: זײ װעלן זיך ניט נעמען צו ייִדיש אָדער האַלטן פֿון ייִדיש דערפֿאַר װאָס אין „אַלע" פּובליקאַציעס װעט מען נעמען שרײַבן „װאו" צי „װו" צי אַפֿילו װו (דאַכט זיך אגבֿ אַז אָט די לעצטע צורה, נאָך אַ שײנהײט פֿון די „תּקנות" קרײַזן, איז שױן באַלד אַן עליו השלום אױסער אַ מנין „לאָיאַליסטן").

בײַ װײַנרײַכן איז אָבער געװען דאַכט זיך אַ דריטער מאָטיװ און דאָ בין איך מודה, אַז דאָס איז ניט מער װי אַ חשד. בײַ טײל גרױסע געלערנטע אין מזרח אײראָפּע צװישן די בײדע װעלט מלחמות איז אָנגעקומען שװער אָנצונעמען אַז דער װעלט־צענטער (אָדער אַפֿילו אַ װעלט־צענטער) פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור איז — *ניו־יאָרק*. מ'האָט געקוקט פֿון אױבן אַראָפּ אױף דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור, „די איסט־בראָדװײער מעשׂיות". דער אמת איז דאָך אַז די ניו־יאָרקער ייִדישע ליטעראַטור פֿון יענער עפּאָכע, צי מ'האַלט זי פֿאַרן סאַמע װעלט־צענטער צי ניט, איז אַ גלאָררײַכע קאַמעלאָטישע פּרשה אין דער טױזנטיאָריקער געשיכטע פֿון ייִדיש. צוליב פּאָליטישע סיבות, און צוליב דעם פֿאַרגליװערטן פּיצינקן „קאַנאָן" פֿון ייִדישע שרײַבער װאָס מ'לײענט און מ'פֿאָרשט זײ בײַ די געלערנטע — דער קאַנאָן איז ביז הײַנט אַ דירעקטער אױסװאוקס פֿון דער פּאָליטיק — װערט די ניו־יאָרקער ייִדישע ליטעראַטור פֿון די צװאַנציקער און דרײַסיקער יאָרן בכלל ניט אָפּגעשאַצט כּדבעי. *הונדערטער* גרױסע ייִדישע שרײַבער פֿון יענער גאָלדענער עפּאָכע װאַרטן נאָך אױף זײער גואל.

די ניו־יאָרקער ייִדישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור מיט אירע פֿעסטע טראַדיציעס. און אײנע פֿון אָטאָ די פֿעסטע טראַדיציעס, סײַ בײַ די רעכטע, סײַ בײַ די לינקע, סײַ בײַ די פֿרײַע סײַ בײַ די פֿרומע, איז: דער שטומער אַלף! די סאַמע ראַדיקאַלע ניו־יאָרקער פּאָעטן, װאָס האָבן געשריבן די סעמי־ייִדמען פּאָנעטיזירטערהײט אין די צװאַנציקער און דרײַסיקער יאָרן איז ניט אײַנגעפֿאַלן שרײַבן „װו" װײַל אַזױ שרײַבט מען אין מאָסקװע.

נאָר װאָס, נאָך דער מלחמה, האָט װײַנרײַך געפּרוּװט לערנען אַלף־בית מיט די ניו־יאָרקער ייִדישע שרײַבער. יאָ, אַפֿילו אַזאַ גאון, אַזאַ חד בדרא װי מאַקס װײַנרײַך קען באַגײן אַ פֿעלער. אײנער פֿון די רעזולטאַטן פֿונעם פֿעלער איז די טרױעריקע אָפּגעפֿרעמדטקײַט צװישן דער ייִװאָ מיט דער לעבעדיקער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער מעמד פֿון ייִדיש לײַדט דערפֿון ביזן הײַנטיקן טאָג.

געדרוקטערהײט (און במילא אָפּגעהיטערהײט) האָט װײַנרײַך אין 1959 אױסגעדריקט אָט אַזױ אָ דײַנע סענטימענטן, בעת ער האָט דעבאַטירט מיט יודל מאַרקן װעגן שטומען אַלף אױף די שפּאַלטן פֿונעם זשורנאַל *ייִדישע שפּראַך* (דעמאָלט װען יענער זשורנאַל האָט נאָך דערלױבט חילוקי דעות אױף אירע שפּאַלטן):

„גאָר אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע איז דאָס ניט־אױספֿאָלגן די תּקנות דורך אַ גרופּע שרײַבער, לערער און קולטור־טוער אין צפֿון־אַמעריקע. ניט איך װיל, חלילה, און ניט איך װאָלט געקענט װען איך זאָל װעלן, מינימידירן זײער װאָג. לאָמיר פּרוּװן זײ פֿאַרשטײן. צום גרעסטן טײל האָבן אָט די נײַנדאָגער זיך באַזעצט אין

אַמעריקע ביז אָדער באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָבן זיי ממילא ניט מיטגעלעבט אויפֿן אָרט מיט די מזרח־אייראָפּעאישע אַנטוויקלונגען צווישן ביידע מלחמות. [...]"[28]

דערפֿון די גערדרונגען אַז די אַלע גרויסע אייביקע פּאָעטן, פּראָזאַאיקער, דראַמאַטורגן, עסייאיסטן — אַלע געבאָרענע אין די פֿאַרשידנסטע טיילן מזרח אייראָפּע! — זײַנען עפּעס „הינטערשטעליק", „צוריקגעשטאַנען", פֿאַרוואָס? ווײַל זיי זײַנען געקומען אין אַמעריקע אַרום דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט מלחמה און ניט מיט דער שארית הפּליטה נאָכן חורבן. דערפֿאַר האָבן זיי ניט „מיטגעלעבט" די ייוואָ תּקנות! אײַ אײַ אײַ.

דאָ גייט ניט אין „קאָנקורענץ" צווישן ניו־יאָרק מיט אַ וועלכן ניט איז מזרח־אייראָפּעאישן צענטער אין דער תּקופֿה צווישן די מלחמות. וואָס יאָ, די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור, מיט אַלע אירע שבֿטים און מחנות, איז ניט קיין שטיף־קינד און ניט קיין שיבוש אויף דער וועלט־מאַפּע פֿון יידיש. די האָט אירע טראַדיציעס. איינע פֿון די טראַדיציעס איז דער שטומער אַלף, גראַדע בהסכּם מיט דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פֿון יידיש.

* * *

און וואָס זײַנען נאָך ווײַנרײַך די מאָטיוון פֿון דער מחנה וואָס פּסלט אַלץ וואָס איז ניט געשריבן אָדער געדרוקט מיטן ייוואָ אויסלייג? אין אַמעריקע זײַנען די פֿינטעלעך געוואָרן פֿאַר טייל פּאַטריאָטן פֿונעם ייוואָ אויסלייג פּשוט אַ מין „פֿעטיש". איך האָב דעם כּבֿוד צו קענען יונגע געלערנטע אויפֿן געביט פֿון יידיש (וואָס טייל פֿון זיי שרײַבן אַליין נאָר אָדער כּמעט נאָר אויף ענגליש), וואָס וועלן ניט נעמען אין האַנט אַרײַן אַ בוך וואו ס'שטייט „וואו" אָנשטאָט „ווו", אסור חזיר, ווער רעדט נאָך „יידיש" אָנשטאָט „ייִדיש". וויל מען זיך אַ ראיה נעמען וואוהין עס פֿירט עקסטרעמיזם דאַרף מען נאָר אַ קוק טאָן אינעם ניו־יאָרקער זשורנאַל וואו ס'ווערן געבראַכט אין יעדן נומער רשימות „אָרטאָגראַפֿיש קאָרעקטע ביכלעך" — געמיינט: „ביכער וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטן ייוואָ אויסלייג". „קאָרעקט" ווײַל ווער ס'האַלט אַנדערש קען דאָך ניט זײַן „קאָרעקט". און „ביכלעך" ווײַל „ביכער" איז רחמנא לצלן אַ „דײַטשמעריזם". אינטעלעקטועל איז דאָס אַן אַנדער פּרשה נאָר די סמיכות הפּרשה נעמט זיך דערפֿון וואָס ס'איז אַ סוד פֿאַר גאַנץ דזשאַמייקאַ אַז די זעלביקע פֿאַר געלערנטע ווערן די ייוואָ־פֿינטעלעך זײַנען דער יסוד היסודות, דער עיקר פֿון אַלע עיקרים, זײַנען דאָס די קעמפֿער קעגן טויזנטער יידישע ווערטער וואָס עס נוצן די בעסטע יידישע שרײַבער נאָר וואָס זיי האַלטן פֿאַר

28) מאַקס ווײַנרײַך, „דער איינהייטלעכער אויסלייג, זײַן געשיכטע און ווערדע. דער שטמער אַלף נעבעך און די ריידעוודיקע פּראָבלעמען הינטער אים" אין יידישע שפּראַך 19 (1959): זז' 33-64; דאָרטן ז' 57.

„דײַטשמעריש".[29]

שטעלט זיך פֿאַר! ניט רשימות מיט ביכער וואָס זײַנען „אָנגעקומען אין רעדאַקציע". ניט רשימות ביכער וואָס מ'רעקאָמענדירט זיי ווײַל זיי זײַנען גוטע ביכער, כדאַי זיי צו לייענען. נאָר וואָס? רשימות ביכער מיט „וו" און ניט „וואו". דער יוצא לנו: בעסער אַ שמאַטע וואו עס שטייט „וו" איידער אַ גוט בוך וואָס היט אויף דעם טויזנטיאָריקן שטומען אַלף! אַ קשיא אויף אַ מעשה! דאַכט זיך אַז די קאַטוילישע קירך האָט שוין בטל געמאַכט אירע רשימות מיט ביכער וואָס מ'טאָר ניט לייענען. שוין צײַט דער נײַער ליבעראַליזם זאָל אַריבער אויך אין אונדזערע מקומות. בפֿרט נאָך הײַנט ווען מיר דאַרפֿן אָפּשאַצן און אינספּירירן איינער דעם אַנדערנס אויפֿטוען, ניט אַוועקמאַכן יענעם מיט דער האַנט צוליב אַחילוקי דעות צווישן צוויי אונטערנוסחאות פֿון איין און דער זעלבער אָרטאָגראַפֿיע. ס'פּאַסט ניט.

וואָס שייך ארץ ישראל, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע פֿראַגע וואָס פֿאָדערט אַ סאָציאָלינגוויסטישע אויספֿאָרשונג. נאָר איינס מוז איך מודה זײַן. איך קען פּערזענלעך אַ ריי הויך טאַלאַנטירטע יידיש־פֿאָרשער אין ארץ־ישראלדיקע אוניווערסיטעטן וואָס זײַנען שטאָל און אײַזן קעגן יעדער אָפּווייכונג פֿון דעם „ייוואָ אויסלייג", נאָר בײַ זיי איז דאָס אַן ענין נאָר און בלויז פֿון אַרויסגעבן וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס פֿון יידישע טעקסטן; פֿאַר אָטאָ דעם צוועק האַלטן זיי אַז מ'דאַרף אַ הונדערט פּראָצענט פֿעסטן סטאַנדאַרד עלעהיי די סטאַנדאַרדיזירטע וויסנשאַפֿטלעכע־אויסגאַבע־פֿאָרמען פֿון מיטל־הויך־דײַטש, פֿון לאַטײַן און פֿון סאַנסקריט. ווען איך פֿרעג זיי וועגן ריידן יידיש מיט די קינדער רופֿט מען מיך באַלד אָן אַ „מאַקסימאַליסט". פֿאַר אָטאָ דעם חוק־ולא־יעבֿור ייוואָ־אויסלייג מחנה איז די געוואונטשענע אומוואַריאירלעכקײַט ניט מער און ניט ווייניקער — דער גליוווער פֿון מת.

* * *

ווי ס'איז תמיד דער פֿאַל אין הלכות קנאות זײַנען די נאָכפֿאָלגער אָן אַ שיעור מער עקסטרעם איידער די מיסדים ווען זיי פֿאַרגעטערן. מאַקס ווײַנרײַך אַליין האָט זיך כל ימיו געדרוקט אין ניו־יאָרקער *פֿאָרווערטס*, נאָך אין די יאָרן איידער די צײַטונג האָט אָנגענומען די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע (ד"ה רעמאָלט ווען זי האָט גענוצט שטומע עינס מיט האען).

און אין די „ייוואָ תקנות" גופֿא, אינעם סאַמע „קאָדעקס", ווי ס'רופֿן עס די „תקניסטן" (זייערע טערמינען, ניט מײַנע), שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווײַס: אַז „אויב אַ דרוק פֿאַרמאָגט ניט קיין ו און קיין י, מוז מען שטעלן אַ „שטומען" א אין די ווײַטערדיקע פֿאַלן: א) פֿאַרן אות וואָס וואָלט באַדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: וואו, וואונדער, ראַאיסע, קאָאימבראַ, רואיק, בלויאינקער, שנייאיק, בלײַאיק, פֿעאיק; ב)

29) זע מײַן אַרטיקל „אַ שטעקעלע אַרײַן אַ שטעקעלע אַרויס, די דײַטשמערישע געפֿאַר איז — אויס" אין *יידישע קולטור* 53.5 (סעפּט'—אָקט' 1991): זז' 24-31.

נאָכן אות וואָס וואָלט באַדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: טוּונג, דזאָמוּוויראַט, באַציאונג, בליאונג; ג) צווישן די אותיות וואָס וואָלטן באַדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: וואַריאירן, פֿריאיק. מ׳דאַרף אָבער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז די דרוקן זאָלן זיך פֿאַרזאָרגן מיט ו און י.[30] נו, פֿון ניט האָבן ביז ניט וועלן איז שוין אַ מהלך אין תּחום פֿון הלכות אַפּיקורסות גופֿא. דאָ שווימט אגבֿ אויף נאָך אַ צרה: אין אַ סך געשריבענע און געדרוקטע זאַכן זעט מען טאַקע הײַנט ניט „וואו", ניט „וו" נאָר: „ווו", און ס׳דערגייט ביז פֿיר וואָוון אויך („צווווקס"). פֿונעם שײנעם דור־דורותדיקן יידישן שריפֿט־בילד איז מען דערגאַנגען צו דרײַ און צו פֿיר טשוועקעס, צו די „מאַטעמאַטישע באַגריפֿן" 111 און 1111.[31]

* * *

תּיקו בלײַבט אַ קשיא: אויב די מערסטע יידישע שרײַב׳ער און לייענער שרײַבן מיטן שטומען אַלף, טאָ ווי קומט עס וואָס אַזויפֿל גוטע יידישע זשורנאַלן (דער עיקר אין ארץ ישראל אָבער אויך דאָ אין אַמעריקע) זײַנען אַריבער־ אויפֿן ייוואָ אויסלייג? דאָס האָט זיך ניט גענומען פֿון וועלכער ניט איז נתגלה ווערן פֿון אַ הייליקן אמת פֿון באַרג סיני, נאָר וואָס, ס׳האָט זיך גענומען פֿון דעם פּאָליטישן (און אַמאָל אויך פֿינאַנציעלן) *דרוק* פֿון דער „קאָמיסיע דורכצופֿירן דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג", אויך אַ צאָל אַנדערע קאָמיסיעס, קאָמיטעטן, פֿונדאַציעס און פּרעמיעס וואָס ווערן געפֿירט פֿון די אייגענע אַדרעסן. טשיקאַווע איז דאָ די אָרוועלישע באַנוצונג פֿון שפּראַך. דער ייוואָ אויסלייג, וואָס איז איינער פֿון די נוסחאות פֿון דער נײַער יידישער אָרטאָגראַפֿיע, ווערט אָנגערופֿן „דער איינהייטלעכער אויסלייג". אַוודאי איז ער מיט זיך אַליין איינהייטלעך פּונקט ווי יעדער אַנדער נוסח וואָס איז אינערלעך אויסגעהאַלטן איז „איינהייטלעך". און אויב ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ הונדערט פּראָצענט „איינהייטלעכער אויסלייג", צו וואָס קאָמיסיעס און פּרעמיעס?

און אפֿשר האָט מען אויך אײַנגערעדט פֿאַרשידענע רעדאַקציעס אַז אַזוי איז אָנגענומען „ביי דער יוגנט", „בײַ די געלערנטע". ס׳איז אַ נעכטיקער טאָג, און דאָ וועל איך זיך דערלויבן דערציילן אַ מעשה שהיה. אין זומער 1980 האָב איך צום ערשטן מאָל אָנגעפֿירט מיט אַ קורס פֿון יידיש אויף אַן אינטענסיווער זומער־פּראָגראַם, ס׳איז געווען דער אַוואַנסירטער קורס אויף דער אוריאל ווײַנרײַך זומער־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק. איך בין געקומען גרייט צו הימן די ייוואָ תּקנות אין קלאַס ווייבאַלד אַזוי איז אָנגענומען בײַ אָטאָ דער פּראָגראַם. ס׳האָט ניט געדויערט

30) *תּקנות* 1937 (זע הערה 21), הערות III, ‏7-11 (זז' 30-31; 126-127 אינעם איבערדרוק אין די *ייוואָ בלעטער*).

31) דעם „מאַטעמאַטישן אימאַזש" האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מעישקע (עדוואַרד מ.) קאַץ, דעם (איצט פּענסיאָנירטן) פּרעזידענט פֿון דער ניו־יאָרקער אַמאַלגאַמייטעד באַנק (אין 1980).

קיין טאָג און ס'איז קלאָר געוואָרן אַז דער אַוואַנסירטער קלאַס (צווישן זיי אַ גאַנצע רײ לערער פֿון יידיש) האָט זיך אויסגעדריקט שאַרף און בולט קעגן די אַלע פּינטעלעך: צו וואָס דאַרף מען אַזויפֿל נקודות, מיר זײַנען דאָך אין אַוואַנסירטן קלאַס! צו וואָס די דרײַ טשוועקעס? איין תּלמידה, ראַנדי האַקער, האָט יענעם זומער אָנגעשריבן אַ לידל (צום זינגען לויט בייטאָווענס פּינפֿטער סימפֿאָניע) וואָס די ביידע העכערע קורסן (צוויי דריטל פֿון דער פּראָגראַם) האָבן בקול רם געזונגען אויף דער גראַדויִרונג. אויב איך בין זיך נישט טועה זײַנען די ווערטער געווען אָט וועלכע: אַלף אַלף אייביקער אַלף \ שטענדיק צווישן וואָוון דרײַ \ אַלף אַלף אייביקער אַלף \ בלײַבן מיר דאָך דיר געטרײַ \ לאַנג זאָל לעבן דער אייביקער אַלף \ צו אַ פּינטל זאָגן מיר: פֿע! \ און דרײַ וואָוון נאָכאַנאַנד \ זאָלן מיר שרײַבן? חלילה!" אַקעגן וואָס גייט דאָ די רייד, אַקעגן דער אַבסורדער טענה אַז די „יוגנט" האַלט דווקא פֿון שרײַבן דרײַ און פֿיר נאָכאַנאַנדיקע וואָוון. ס'וועגדט זיך וועלכע יוגנט. חילוקי דעות אין דעם ענין זײַנען פֿאַראַן בײַ יונגע, בײַ אַלטע און אַפֿילו בײַ מיטליעקירע.

* * *

איז וואו האַלט מען הײַנט? ס'איז דאָ ברוך השם אַ סטאַנדאַרדער אויסלייג, די נײַע יידישע אָרטאָגראַפֿיע. אין תּחום פֿון אָט דעם סטאַנדאַרד זײַנען דאָ אַ קליינע צאָל וואַריאַציעס, ווייניקער איידער בײַ אַ סך מערכטיקע מלוכהשע שפּראַכן מיט אַרמייען און ים־פֿלאָטן. טייל שרײַבער און פּובליקאַציעס האַלטן זיך בײַ „וואו", „וואויל", „העברעאיש", אַנדערע ווידער שרײַבן „ווו", „וווּיל", „העברעיִש". זאָלן קיין ערגערע חילוקי־דעות בײַ יידן — און אין דער וועלט פֿון יידיש! — נישט זײַן. דער עיקר איז, מ'זאָל משפּטן לויטן תּוכן און נישט לויט די דרײַ וואָוון. מיר זאָלן דרך ארץ האָבן איינער פֿאַרן אַנדערנס אַרבעט, מ'זאָל מאַכן אַ סוף מיט רשימות „דערלויבטע ליטעראַטור" וואָס שפּאַרן זיך אָן נאָר און בלויז אויף דעם צי מ'נוצט די דרײַ וואָוון. די פֿירער פֿון דער ייִוואָ גופֿא האָבן דאָך נישט אַזאַ צוגאַנג, זיי שאַצן אָפּ דאָס וואָס ווערט געטאָן פֿאַרן לימוד און פֿאָרשונג פֿון יידיש, יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור, „מיט די דרײַ וואָוון" און „אָן די דרײַ וואָוון". נאָכמער: זיי ווײַזן אַרויס אַן ערנסטן אינטערעס אין דער נייטיקייט צונויפֿצורופֿן אַ נײַע אָרטאָגראַפֿישע קאָנפֿערענץ.[32]

* * *

בײַ אַזעלכע דעלטן־אינטערעסאַנטע שפּראַכן ווי עס איז אונדזער יידיש, זײַנען די פֿאַראַנענע וואַריאַציעס מער ווי סתּם אונטערשיידן און פּרעפֿערענצן. ס'שטעקט אין זיי אַ היפּש ביסל קולטור־געשיכטע. מיר האָבן שוין געזען ווי נקודות

32) פּערזענלעכע ידיעות פֿון שמואל נאָריך, דעם עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון דער ייִוואָ, אין פֿרילינג 1987.

וואָס מ'האָט געשלעפּט פֿון חומש זײַנען גראַדע געוואָרן דער סימן מובהק פֿונעם ראַדיקאַלסטן סעקטאָר פֿון ייִדיש צווישן די וועלט מלחמות — די יעווסעקציע; ווי אַזוי די אייגענע נקודות זײַנען געוואָרן די פֿאָן פֿון די „ייִוואָ אויסלייג פּאַרטיזאַנער" אין די יאָרן נאָך דער מלחמה.

די שרײַבונגען „איד", „אידיש" וכדומה וואָס זײַנען געווען דער סימן פֿון מאָדערניזם און ראַדיקאַליזם סוף נײַנצנטן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זײַנען הײַנט דער סימן מובהק פֿון דער פֿרומער (און בפֿרט דער חסידישער) וועלט, וואו ייִדיש לעבט מער און איז געזינטער ווי אומעטום אַלס טאָגטעגלעך גערעדטע שפּראַך וואָס ווערט איבערגעגעבן נאַטירלעכערהייט פֿון דור צו דור. אַגב, אין די געשריבענע אָפּשפּיגלונגען פֿון שפּרודלדיקן חסידישן ייִדיש איבער דער גאָרער וועלט, איז צו זען אין לעצטן יאָרצענדליק אַ ממשותדיקן אַוועקגיין, אמת צוביסלעך, פֿונעם שטומען עין און הא, ד"ה אַ בפֿירושדיקע דערנענטערונג צו דער נײַער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע וואָס ווערט טאַקע (מיט אירע אינעווייניקסטע נוסחי־נוסחאות) די אוניווערסאַלע. און פֿאַרשטייט זיך אַז דאָרטן איז ניטאָ און ס'וועט אויך ניט זײַן קיין דרײַ נאָכאַנאַנדיקע וואָוון, קיין דרײַ נאָכאַנאַנדיקע יודן.

און וואָס שטעלט מיט זיך אַזוינס פֿאָר דאָס האַלטן זיך בײַ שטומען אַלף הײַנט צו טאָג? אַן אָנערקענונג פֿון דער פּרעכטיקער אינעווייניקסטער גאונות פֿון דער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע וואָס האָט אויפֿגעטאָן וואונדער מיט אַ סעמיטישן אַלף־בית. געפֿילן פֿון שטאָלץ און המשכדיקײַט מיט אַ ניט־איבערגעריסענער טויזנטיאָריקער טראַדיציע שבכתב; אויך מיט די גרעסטע אויפֿטוען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — אויף ביידע זײַטן ים — אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַ דרך ארץ צום רובֿ בנין און רובֿ מנין פֿון הײַנטיקן ייִדיש רײדנדיקן פֿאָלק, פֿרומע און פֿרײַע, לינקע און רעכטע. אַ גלויבן אין אַ שרײַב־סיסטעם וואָס איז אָנגעמאָסטן אויפֿן איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. גענוג געשפּילט מיט די פּינטעלעך.